# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:02
מוצאי שב"ק...................8:32

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................קהלת ג'-ד'
בבלי........................הוריות ה'
ירושלמי...............כתובות ע"א
תוספתא.....................חולין ד'
רמב"ם.....................שכירות ז'


פרשת כי תצא, י"ג אלול, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק א'-ב'
שנה 14, גליון 49 (717)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.**

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט, טוּסְטוּ; אוּן אוֹיבּ ווִילְסְטוּ נִישְׁט, טוּסְטוּ נִישְׁט"... שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר ווִיל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, כִּי תֵצֵא, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז, וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָאלְגְן. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטַאפְּל אִיז קוֹדֶם צוּ ווִיסְן בִּכְלַל אַז מְ'שְׁטֵייט אִין אַ מִלְחָמָה, סְ'זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס כַאפְּן בִּכְלַל נִישְׁט אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן אִינְמִיטְן שְׁלַאכְט פֶעלְד, וֶוען מְ'וֵוייסְט כָאטְשׁ אַז מְ'אִיז אוֹיפְ'ן פְרָאנְט, מְ'אִיז יֶעדֶע מִינוּט אִין אַ סַכָּנָה גֶעכַאפְּט צוּ וֶוערְן דוּרְכְ'ן פַּיינְט, דַאן פְּרוּבִּירְט מֶען כָאטְשׁ צוּ קֶעמְפְן, מְ'טוּט זִיךְ אָן מִיט שְׁטַארְקֶע פַּאנְצֶערְס, מְ'נֶעמְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַן הָאפֶענוּנְג צוּ בַּאזִיגְן דֶעם שׂוֹנֵא.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן מִיטְ'ן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:) "אִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ, לֹא יָכוֹל לוֹ", אָן דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט בֵּייקוּמֶען אַלֵיין דֶעם שְׁוֶוערְן יֵצֶר הָרַע.

וָואס אִיז אוּנְזֶער גֶעוֶוער? תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אוּנְז אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ "בְּיָדֶךָ", ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ז, י"ב) וַיְהִי "יָדָיו" אֱמוּנָה עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ, וָואס דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט אוֹיף דֶעם "פְּרִיסָן בִּצְלוֹ", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אָבֶּער אוֹיךְ פוּן דֶעם סוֹד, אַז אוֹיבּ אַ אִיד וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן, דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֶערְן אוּן שְׁוַואךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן פוּן דֶעם אַלֵיין דַארְף אַ אִיד נֶעמֶען דִי חִיזּוּק זִיךְ יָא צוּ שְׁטַארְקְן מִיט תְּפִלָּה, וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, מְ'דַארְף פַאנְגֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע דַוְקָא מִיט דִי זַאךְ וָואס עֶר ווִיל מִיר פַאנְגֶען דֶערְמִיט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ו) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, דַוְקָא אוֹיף דִי זַאכְן וָואס קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער, וַוייל דָארְט לִיגְט אוּנְזֶער הַצְלָחָה.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי אִים אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ, אִים אוֹיסְזָאגְן ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אוּנְז אוּן מִיר קֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, וֶועלְן מִיר סוֹף כָּל סוֹף קֶענֶען אִינְגַאנְצְן הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן סְ'וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב', שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפַרְשַׁת תֵּצֵא)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## עוֹלָם הַתּוֹהוּ

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְוֵייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶּער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶען יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּ פַארְלֵייג זִיךְ עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, רֶעד שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג, אוּן ווִי שֶׁענֶער דוּ וֶועסְט רֶעדְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער חָשׁוּב אוּן מֶער קֶענִיג, דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן; וֶוער זָאל עֶרְשְׁט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטוּבּ, דוּ אָדֶער דַיין וַוייבּ, אָדֶער וֶוער זָאל שְׁטֵיין רֶעכְטְס אוּן וֶוער לִינְקְס בַּיים שְׁפַּאצִירְן, דָאס אִיז נִישְׁט קוֹבֵעַ, דָאס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה, נָאר דָאס שֵׁיין רֶעדְן – דָאס מַאכְט חָשׁוּב, אוּן דָאס מַאכְט זַיין ווִי אַ קֶענִיג, (שֵׁיין רֶעדְן מֵיינְט נִישְׁט גֶעמַאכְט וְכוּ', ווִי מֶען רֶעדְט בַּיי אַ שְׁפִּיל [פְּלֶעי], שֵׁיין רֶעדְן מֵיינְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט כָּבוֹד).

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן תִּיקּוּנִים. אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל בֶּעטְן אַ תִּיקּוּן פַאר שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער אֲרִיזַ"ל גֶעזָאגְט עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג פִינְף בְּלַאט תִּיקּוּנֵי זוֹהַר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ה)

### אַ בְּרִיווּ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פַּיינְטְשַׁאפְט אִין הַאַרְץ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען בְּלָאזְט שׁוֹין שׁוֹפָר, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין דֶערְוֶועקְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן לט) אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל: "הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר; שְׁפֶּעטֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר מַיין טָאכְטֶער אָדְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט: 'טַאטֶע, הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר'", הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קמא): אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ל, ו): "אֶ'ת לְ'בָבְךָ וְ'אֶת לְ'בַב", וָואס אִיז נוֹטָרִיקוֹן דָאס וָוארְט "אֱלוּל"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר שְׁפִּירְט זַיינֶע זִינְד, עֶר כַאפְּט וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף, דֶעמָאלְט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער - סַיי דִי קִינְדֶער, אוּן סַיי דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן זִינְד - פְּגָמֵי הַבְּרִית - אַלֶע טוּעֶן תְּשׁוּבָה.

נֶעכְטְן לֵיל שִׁשִּׁי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט גוּט גֶעהֶערְט וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, פוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הַאַרְץ; וַוייל כָּל זְמַן מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן אַ צְוֵוייטְן - אִיז מֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁרַייעֶן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז דָאס אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס אִיז דָאס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּקְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אִין פָּנִים? וָואס אִיז דָאס אַז אִיךְ הָאבּ פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן?"**

מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ הָאט מֶען פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד - לַאכְט מֶען אִין הִימְל פוּן דֶעם אִיד, יֶעצְט אֱלוּל מוּז מֶען דָאס פַארֶערְכְטְן. מוֹהֲרַ"שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן שׁוֹפָ"ר אִיז (דְּבָרִים כט, יז): "שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה", פְרֶעגְט מוֹהֲרַ"שׁ, לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? נָאר רַשִׁ"י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה? "שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"; דָאס הֵייסְט, וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר - דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִין אִים וְכוּ', עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מִיט אוּנְזֶערֶע טַייעֶרֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, אִיךְ גֶעדֶענְק מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט מַאכְן יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַ סְעוּדָה מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, זֵיי לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אוּן פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ג)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק שֵׁנִי

**ה. תְּפִלַּת שְׁלִיחַ צִבּוּר יֵשׁ בָּהּ בְּחִינַת מִלְחָמָה.** דָאס דַאוְוענֶען פוּנֶעם שְׁלִיחַ צִיבּוּר, אִיז אַזוֹי וִוי אַ מִלְחָמָה.

**ו. מִי שֶׁמְּקַיֵּם "יְהִי מָמוֹן חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ", עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנַת הַלֵּב.** דֶער וָואס אִיז מְקַיֵּים דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ב', י') "דָאס גֶעלְט פוּן דַיין חָבֵר, זָאל זַיין בַּאלִיבְּט בַּיי דִיר אַזוֹי וִוי דַיין אֵייגֶענֶע", דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דַאוְוענֶען מִיט כַּוָּנָה מִיט'ן גַאנְצְן הַארְץ.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶען יָאר, אוּן דֶער זוּן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁען.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֵבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֵבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֵבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט טַאקֶע אַרוֹיס פוּן קֵבֶר, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט "תַּכְרִיכִים", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶען.

אִינְצְווִישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי'שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקְל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶען אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַאר'ן עֶסְן, עֶר הָאט דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְווִישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן אֱמֶתְ'ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶּער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה?!"

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְטוּן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְּן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֵבֶר אָבֶּער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

<<<<<<

<<<<<< מוהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'ען אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְלָאזְן אָבֶער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵיינִיקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא אִין דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן אִים זַיין אָפְן אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רכא)

פַאקְטִישׁ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דָארְט אִין לֶעמְבֶּערְג גָאר אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דָארְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת, , וִוי אוֹיךְ הָאט עֶר דָארְט גֶעשְׁמוּעֶסְט דָארְט גָאר אַסַאךְ הֵיילִיגֶע שְׁמוּעֶסְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, נָאר עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט קֵיינֶער וָואס זָאל עֶס אַרָאפְּשְׁרַייבְּן, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל עֶס אִיבֶּערְזָאגְן פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל עֶס קֶענֶען אָפְּשְׁרַייבְּן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז אַלֶעס לֵיידֶער פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן.

דָאס בִּיסְל וָואס מִיר וֵוייסְן פוּן דִי דֶעמָאלְטְסְדִיגֶע צַייט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין לֶעמְבֶּערְג, אִיז נָאר פוּן דֶעם וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַסַאךְ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוּן נָאכְגֶעפָארְשְׁט בַּיי פִילֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן דָאס בִּיסְל וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, דָאס אִיז גֶעבְּלִיבְּן.

אִין יָאר ת"ר, וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט בַּאזוּכְט אִיז שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, הָאט עֶר דָארְט אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, דֶער פְּרָאפֶעסֶער, וָואס הָאט דֶעמָאלְט בַּאהַאנְדְלְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זִיךְ בַּאגֶעגְנְט מִיט דֶעם דָאקְטֶער, וָואס אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר גֶעדֶענְקְט עֶפֶּעס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים.

דֶער דָאקְטֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעדֶענְקְט וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַסַאךְ יָארְן שְׁפֶּעטֶער, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין בַּאהַאנְדְלְט זַייט דֶעמָאלְט יֶעדְן טָאג פִילֶע קְרַאנְקֶע, אַזוֹיפִיל הָאט עֶר אָבֶער יָא גֶעקֶענְט דֶערְצֵיילְן, אַז זַייט עֶר גֶעדֶענְקְט הָאט עֶר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַזַא חָכָם וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אִין סַיי וֶועלְכֶע נוֹשֵׂא עֶר הָאט נָאר גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאקַאנְט אִין דֶעם, כָּאטְשׁ וָואס אַלְס גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסֶער הָאט עֶר זִיךְ דָאךְ גֶעטְרָאפְן מִיט פִילֶע גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹירִים, חֲכָמִים, אוּן גְרוֹיסֶע פִילָאזָאפְן פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "אָבֶּער אַזַא חָכָם מְחוּכָּם וִוי דֶעם אִינְגֶערְמַאן [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי], הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אִין מַיין לֶעבְּן. אוּן אוֹיךְ אַזַא בַּעַל יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ גְלַייכֶע שֵׂכֶל, וִוי אִים, הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע מַצָּב. גֶעוֶוענְלִיךְ קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, וֶועלְכֶע לַיידְן אוֹיף גָאר שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, אוּן נָאךְ מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים, זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט אַזוֹי קְלָאר אִין מֹחַ, אָבֶער דֶער אִינְגֶערְמַאן [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי] אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צַייט מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן אַ גְרָאדְן שֵׂכֶל, אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט".

רֶבִּי נָתָן אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען דָארְט אִין לֶעמְבֶּערְג צוּ נָאךְ פִילֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, נָאר עֶטְלִיכֶע עֶלְטֶערֶע שְׁכֵנִים הָאבְּן גֶעדֶענְקְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעוֶוען.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מְחַנֵךְ זַיין דִי שְׁכֵנִימְ'ס קִינְדֶער?



*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הָאבְּן אַ שָׁכֵן וָואס זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער טוּעֶן וֵויי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, דֶער דְרֵיי יֶערִיג אִינְגְל נֶעמְט אַלְץ אֵיין קִינְד פַאר אַ קָרְבָּן אוּן טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, וִוי בַּייסְן אוּן שְׁטַארְק שְׁלָאגְן.

בִּיז אַהֶער, וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אַנְדֶערֶע שְׁכֵנִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט, וַוייל עֶס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר. אוֹיךְ דִי פִיר יֶערִיג מֵיידְל קוּמְט אַסַאךְ צוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן נֶעמְט אַוֶועק וָואס זֵיי הָאבְּן אוּן טְשֶׁעפֶּעט זֵיי.

לֶעצְטְנְס הָאט דֶער קְלֵיינֶע אִינְגְל אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויי טוּן מַיין קִינְד, אַפָּאר טֶעג צוּרִיק הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ צְוַוייג אוּן גֶעשְׁלָאגְן קִינְדֶער דֶערְמִיט. זַיין מַאמֶע אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוּן גָארְנִישְׁט גֶעטוּן אָדֶער גֶעזָאגְט. אִיךְ בִּין אִיר דַן לְכַף זְכוּת אַז אֶפְשָׁר הָאט מֶען אִיר אַזוֹי גֶעשְׁלָאגְן אַלְס קִינְד אַז זִי וִויל נִישְׁט שְׁלָאגְן אִירֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ בִּין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אַוֶועקְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן אִים שְׁטְרֶענְג גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן.

נֶעכְטְן הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבִּיסְן מַיין קִינְד אוּן זִי הָאט אַזוֹי גֶעשְׁרִיגְן, אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ מֶעג יָא טוּן פוּן מַיין זַייט אוֹיבּ אַזַא מַעֲשֶׂה פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל, וֶוען יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער טוּעֶן וֵויי מַיינֶע קִינְדֶער אוּן דִי מַאמֶע טוּט גָארְנִישְׁט.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

קֵיינְמָאל זָאלְט אִיר נִישְׁט שְׁלָאגְן יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן; שְׁלָאגְן הָאט נִישְׁט מִיט חִינוּךְ, שְׁלָאגְן הָאט מִיט נֶערְוֶוען אָדֶער מִיט פַארְלוֹירְנְקֵייט, אָפְּהִיטְן זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען שְׁלָאגְט קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן מוּסָר פַאר מוֹהֲרַנַ"ת וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר זַיין זוּן, פַאר חוּצְפָּה, פַארְן נִישְׁט פָאלְגְן אַ טַאטֶע וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל קוּמֶען זִיצְן בַּיים טִישׁ, הָאט אִים דֶער רֶבִּי פָּארְגֶעהַאלְטְן: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" אוּן זִיכֶער נִישְׁט יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער, וָואס קֶען זַיין פָּשׁוּט אַ סַכָּנָה; וָואס וֶועט אִיר טוּן וֶוען יֶענֶעמְ'ס עֶלְטֶערְן וֶועלְן רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי? הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַז מֶען זֶעט וִוי אַ קִינְד טוּט וֵויי אַנְדֶערֶע - דַארְף מֶען דָאס אָפְּהַאלְטְן, אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד שְׁלָאגְט אַנְדֶערֶע מִיט אַ שְׁטֶעקְן - נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי שְׁטֶעקְן אוּן מֶען זָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל פַאר דִי קִינְדֶער: "אַזֶעלְכֶע וואוֹילֶע קִינְדֶער וָואס קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ", אוּן מֶען גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם אַ קִיכֶעלֶע, אָדֶער אַ וֶועפֶער אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד גֵייט אֵיינֶעם בַּייסְן וְכוּ' - דַארְף מֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן גְלַייךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט אַז יֶענֶעמְ'ס עֶלְטֶערְן זָאלְן קוּמֶען צוּ לוֹיפְן מִיט טַעֲנוֹת וְכוּ'.

זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר מִיט דֶעם וָואס אִיר זֶענְט דַן לְכַף זְכוּת דִי מַאמֶע; וָואלְטְן מִיר אַלֶע גֶעקוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע מִיט גוּטֶע אוֹיגְן - וָואלְטְן מִיר שׁוֹין לַאנְג אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן גָלוּת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינְ'ס אַ תַּלְמִיד, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעקוּקְט גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָה".

<<<<<<

בִּפְרַט דִי אַלֶע וָואס וואוֹינֶען אִין אַ בִּנְיָן מִיט אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט, אוּן אוֹיךְ דִי וָואס גֵייעֶן זוּמֶער אִין דִי קָאנְטְרִיס וואוּ מֶען וואוֹינְט אִינְאֵיינֶעם אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, דָארְט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף דִי שְׁכֵנִים, אוּן נָאר אַז מֶען קוּקְט גוּט, מֶען אִיז דַן לְכַף זְכוּת - קֶען זַיין שָׁלוֹם. וַוייל דִי טֶבַע פוּן אַ מַאמֶע אִיז, אַז זִי אַלֵיין קֶען וֵויי טוּן אִירֶע קִינְדֶער טָאג טֶעגְלִיךְ, אָן דַארְפְן אֵיינֶעם אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן (אַזוֹי מֵיינְט מֶען), אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שָׁכֵן אוּן זָאגְט אַ וָוארְט פַאר אִיר קִינְד - וֶוערְט אַ וֶועלְט מִלְחָמָה, מֶען רֶעדְט מֶער נִישְׁט, מֶען אִיז זִיךְ מֶער נִישְׁט מְשַׁדֵךְ, וֶוען מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אוֹיף דִי שְׁכֵנִים פַאר שִׁידוּכִים - בַּארֶעדְט מֶען יֶענֶעם; אַלְץ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן אַזַא מַעֲשֶׂה, מַיין קִינְד הָאט גֶעבִּיסְן אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מַאמֶע, אוּן פְּלוֹנִי'ס קִינְד הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן אִין חָצֵר אַ קְלֶעבּ, אוּן דִי מַאמֶע זָאגְט גָארְנִישְׁט, מֶען נֶעמְט שׁוֹין צַאם אַלֶע פְרוֹיעֶן, מֶען מַאכְט אַן אֲסִיפָה, אַ גֶענֶעַראל פַארְזַאמְלוּנְג אוּן דִי שְׁכֵנִים פַּסְקְ'עֶנֶען אַלֶע אַז זִי טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ אָן אַלֶע מַחְלוֹקֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן דֶעם.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר דַן זַיין דִי מַאמֶע לְכַף זְכוּת, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע, מֶען מֵיינְט מֶען וֵוייסְט, אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן אוּן אִידִישֶׁע מַאמֶעס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע וֵוייטָאג וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט, אַמָאל אִיז דָא אַ פְרוֹי וָואס זִי קֶען גָארְנִישְׁט טוּן מִיט אִירֶע קִינְדֶער, זִי גֵייט אַרִיבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט אַ גֵיהִנוֹם מִיט אִיר מַאן, וָואס קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט, אוּן אִיר מֹחַ קֶען מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, מֶען מוּז דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מִיר דַארְפְן אַלֶע רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל אוּנְז אָפְּשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד", וְוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, "בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ" פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים; אַז מִיר וֶועלְן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע - וֶועט מֶען רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ה)

## ניי׳עס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# צוגרייטונגען אין בנין היכל הקודש אין אומאן

צוזאמען מיט א געשאצטע הונדערט טויזנעט אידן בליעה"ר פון אלע שיכטן און קרייזן פון כלל ישראל, גרייטן זיך תלמידי היכל הקודש צום בעפארשטייענדען ראש השנה הבא עלינו לטובה מיט תפלות, קבלות טובות, און רייזע פלענער, צו קענען קומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

אויך דער בנין היכל הקודש אין אומאן ווערט צוגעגרייט אין די טעג צו קענען ארייננעמען די פילע הונדערטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט וועלכע וועלן האבן די זכי' און מיטלעבן דעם יום טוב מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, וועלכע וועט זיין דער שליח ציבור מיט זיינעווארעמע תפלות, אויפטרעטן מיט הארציגע דרשות, בלאזן שופר, אנפירן מיט די סעודות שבת ויום טוב, און אויפנעמען די טויזנעטער אידן ביי "פדיון נפש".

נאך די הארוואניע פון די פארגאנגענע יארן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף באשטייט דער בנין היינט פון: דער ריזיגער בית המדרש מיט איבער טויזנט זיצן, וואו אידישע הערצער וועלן ווערן אויסגעוואשן און נתעורר לתשובה דורך די תפלות און דרשות. און אין די אנדערע צייטן גייט ארויס פון דארט טויזנטער שעות תורה. די פיר שטאק העכער דעם, ווי איבער זעקס הונדערט מאנשי שלומינו שלאפן און שעפן זיך אן מיט פרישע כחות צו קענען אנגיין נאך טאג מיט דינען דעם אייבערשטן. א שיינע גרויסע באקוועמע מקוה טהרה, מיט פילע שויערס, צו קענען אקאמאדירן דעם גרויסן ציבור. א גרויסע בעיסמענט שטאק וואס אנטהאלט די גרויסער קאמערציאלער קאך, ווי עסקנים שטייען שעות אריכות און געבן ארויס טויזנטער פארציעס יעדן טאג במשך די וואך. דער גיגאנטישער שאטער אינדרויסן, וואו מען רעכט אפ מיט גרויס געהויבענקייט די סעודות שבת ויום טוב, מיט שירות ותשבחות צום אייבערשטן, על כל החסד וואס ער טוט מיט אונז, בפרט אז מיר ווייסן פון רבי'ן, און בפרטי פרטיות אז מיר זענען זוכה צו זיצן אין אומאן בצל הקודש פון הייליגן רבי'ן אום ראש השנה.

אנשי שלומינו זענען גאר שטארק דאנקבאר פאר די עוסקים במלאכת הקודש, און נאך מער פאר די פילע תיקונים וואס זענען געמאכט געווארן אין די לעצטע יארן, בפרט די גאר גרויסע זאכן וואס מען האט געטון לעצטעס יאר בס"ד, צום ביישפיל אז די סעודות זענען מער נישט אין בית המדרש, נאר אינדרויסן אינעם טענט, די פארגרעסערטע מקוה און קאך, די גרויסע באקוועמע קאווע סטאנציע, אזוי אויך דאס וואס פילע פון אנשי שלומינו וואס האבן גענומען אחריות'ן צו אויספירן פליכטן, און מיט דעם ערמעגליכט פאר די פירנדע עסקנים בראש פונעם ראש ישיבה שליט"א זאלן קענען טון וואס עס ליגט אויף זיי.

די וואך איז געווען א מיטינג אין שטוב פון מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו, וואו די עוסקים במלאכת הקודש זענען געזיצן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, מען איז איבערגעגאנגען די ערפארונגען און שוועריקייטן וואס זיי האבן געהאט פאריאר, און מען האט מטכס עצה געווען וואס מען קען פארבעסערן.

צווישן די זאכן וואס ווערן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף מסודר היי יאר איז: אויך די צווייטע שטאק פון די שלאף צימערן ווערט פולקאם פארענדיגט ברוך ה'. די ארבעט פון די עסקנים וועט ווערן בעסער איינגעטיילט, אז עס זאל נישט ליגן אויף איינצעלנע מענטשן מער פון וויפיל זיי קענען דערהייבן. דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן מען זאל צושטעלן קידוש און איבערבייס פאר די וואס קומען נאר צום דאווענען, זיי זאלן קענען אויספאסטן איידער זיי גייען צו זייער אכסניות, אן ערך פון א האלבע שעה וועג אדער מער. מען האט אויפגענומען מו"ה ישעי' איידליס הי"ו ער זאל נעמען די קאמענטארן פונעם ציבור, און זיין אויפגאבע וועט זיין צו איבערגיין אלעס, און זיכער מאכן בעז"ה אז מען פארריכט וואס דארף ווערן פאראכטן. מען האט פאררעכטן דעם דאך וואס איז געשעדיגט געווארן אנפאנג יאר פון א בליץ, און מען האט אינסטאלירט א גוטע און קאסטבארע בליץ כאפן סיסטעם, כדי עס זאל זיך נישט בעז"ה איבער'חזר'ן.

אינעם בנין אליינס טוט זיך שוין יעצט העפטיגע אקטיוויטעטן: מען וואשט שוין אויס די לינען, די פרישע פלייש בהכשר בד"ץ העדה החרדית ליגט שוין גרייט אין די גרויסע פריזערס, די בשר עוף ווערן יעצט גע'שחט'ן, און נאך פילע פראדוקטן ווי מעל, צוקער, אויל, מילך, אייער, קאווע, סאדע, פרוכט, גרינצייג און אזוי ווייטער גיין שוין אנהייבן אנקומען אין די קומענדיגע טעג.

די בענקשאפט ביי אנשי שלומינו צו קומען צום רבי'ן שטייגט מיט יעדן טאג, און מיר זענען מתפלל אז מיר זאלן זוכה זיין אויך דאס יאר צו קענען מקיים זיין דעם בקשה פונעם רבי'ן, קומען צו אים אויף ראש השנה, און מיר זאלן קענען מתפלל זיין און אויסבעטן פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל א גוטע זיסע און געבענטשטע יאר.

די טראוול אגענטן געבן איבער אז עס לויפן שוין אויס די טיקעטס קיין אומאן, מען דארף זיך דערמאנען באצייטנס צו מסדר זיין די פאספארטן, די וועגן און שטעגן, די אכסניא אין אומאן, און אלע געברויכן, אז מען זאל קענען זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

רופט נסיעה טרעוול אויף 845-444-8785 פאר סיי וועלכע וועג איר ווילט פארן, צי מיט'ן טשארטער קיין פוילן, צי דורך אנדערע וועגן, ווי אויך די וועגן פון אלע לענדער ארום אוקריינא צו קענען אנקומען קיין אומאן.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שמשון הערש טייטלבוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **ישראל מאיר קראסניאנסקי** הי"ו צפת
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **לוי יצחק הורוויץ** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **משה וויינבערגער** הי"ו אלעד
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יצחק שמואל פרענקל** הי"ו ירושלים עיה"ק
גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" בירושלים עיה"ק
**צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב"ג למז"ט**

***

מו"ה **אשר לעמל זוסמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון שלום יואל נ"י למז"ט**

***

מו"ה **שבתי מזרחי** הי"ו **וזוגתו** תחי' קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זייער זון למזל טוב**
הבחור **יצחק מזרחי** נ"ו

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' שבתי מיט זיין ווייב שיחיו, וואס זענען אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר די הייליגע מוסדות, פאר די שטעטל, און פאר אלע גוטע זאכן וואס פעלט נאר אויס אין די קהלה, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו האבן געזונט פרנסה און נחת, זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים



## ימים נוראים

**שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >